# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטע.

ראַדאָם פרייטאג ל׳ תשרי תרפ״ז פאר׳ן אינהאלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך 8 go października 1926 r.

Z intencji zaręczyn kochanej siostry **Zeli Rozencweiżanki** z p **Maurycem Hochem** życzymy harmonji wiele szczęścia i zadowolenia w nowym etapie życia.

**Siostry i Bracia ROZENCWAJG.**

---

צו דער פערלאָבונג פון מיין היים געליבטע פרוינדינע
**זלאָטקע ראָזענצווייג** מיט ה׳
**מרדכי האָך**, ווינש איך דאס איהר זאָלט בויען אייער גליק אויף די בערג פון יהודה.

**פייגה פרידמאַן.**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער **לעאָשא גאָלדבערג** מיט ה׳
**משה רוטמאַן** ווינשען א האַרציגען מזל־טוב און פיל גליק.

**פאָטער, שוועסטער און ברודער גאָלדבערג.**

---

**Leosia Goldberg** **Mojżesz Rutman**

**Z a r ę c z e n i**

**Radom 25/9 1926.**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן
**משה רוטמאַן** מיט פרל׳ **לעאָשא גאָלדבערג**
ווינשען מיר, אז זייער צוזאַמענבונד זאָל גע שלאָסען זיין אויף א־ביגע גליקליכע יאָהרען.

עלטערן **שמואל רוטמאַן** עט פרוי און קינדער.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין **לעאָשא גאָלדבערג** מ ס ה׳ **משה רוטמאַן**
וואונשען מיר, אז זייער לעבענ׳ס־שיקזאל זאָל אייביג מיט גליק בעגלייט ווערען.

**אהרן גאָלדבערג** מט פרוי.

---

Drogiej naszej siostrze i bratowej **Leosi Goldberżance** z intencji Jej zaręczyn z p. **Mońkiem Rutmanem** życzymy wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia

**Andzia i Berek Winderowie.**

---

א האַרציגען מזל־טוב צו די תנאים פון אונזערע ליבע שוועסטערן־קינדער **לעאָשא גאָלדבערג** מיט ה׳
**משה רוטמאַן**, מיר וואונשען די עלטערן עוויג נחת און דעם יונגען פאָרל א גליקליך מזל.

משה אהרן פרידמאַן עט פרוי.
**יצחק פרידמאַן** עט פרוי און קינדער.

---

צו דער פערלאָבונג פון פריילין
**לעאָשא גאָלדבערג**
מיט ה׳ **משה רוטמאַן**
ווינשען עוויגעס גליק און א גליקליך צוזאַמענבונד.

**אברהם קירשענבלאַט** עט פרוי און קינדער.

---

Z intencji zaręczyn mojego kuzyna **Mońka Rutmana** z kuzynką **L e o s i ą G o l d b e r ż a n k ą** życzę harmonji i szczęścia. Niechaj ich n o w a d r o g a życia usłana będzie kwiatami.

**Chaim Izrael Frydman.**

---

לרגלי ארוסיו של אחי מר
**מ ש ה ר ו ט מ א ן**
עם בחירתו העלמה מרת
**ל א ה ג אָ ל ד ב ע ר ג**
הננו מברכים אותם בקשר של קימא ואגודת נצחית.

יוסף רוטמאן ובני משפחתו.

---

לרגלי ארוסיו של אחי מר
**משה רוטמאַן**
עם בת גילו העלמה מרת
**לאה גאלדבערג**
אנו מברכים אותם בקשר אמיץ ועתיד מזהיר תהי דרכם סוגה בשושנים.

**אברהם רוטמאן** ובני משפחתו.

---

P. **Leosi Goldberżance** oraz p. **Mońkowi Rutmanowi** z intencji ich zaręczyn, szczęśliwego pożycia i wiecznej miłości *ż y c z ą*:

**Jonas Gołdak** z żoną.

---

Z intencji zaręczyn p **Leosi Goldberg** z p. **Mojżeszem Rutmanem** życzymy bezmiaru szczęścia wiecznej miłości i Niechaj będą wzorem pokolenia w przyszłości.

**Hela Papelbaumówna**
**Bela Cymermanówna.**

---

Z intencji zaręczyn przyjaciółki naszej p. **Leosi Goldberg** z p. **Mojżeszem Rutmanem** życzymy im, aby dzień ten był symbolem ich wiecznego szczęścia i zadowolenia.

**Handelsmanówna i Milermanówna.**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזערע פאַמיליאַנטען
**לעאָשא גאָלדבערג**
מיט **משה רוטמאַן**,
וואונשען א גליקליכע צוקונפט, זאָל זייער נייער לעבענ׳ס־וועג מיט בלומען בעצירט זיין.

**שמואל אייזמאַן** עט פרוי

---

צו דער פערלאָבונג פון מיין ט א נ ט ע
**לעאָשא גאָלדבערג**
מיט ה׳ **משה רוטמאַן**
וואונש איך א האַרציגען מזל־טוב זאָל זייער מזל לויכטען ווי די הערליכע זון אין די פריהלינג׳ס־טעג.

**שמואל גאָלדבערג.**

---

Z intencji zaręczyn p. **Leosi Goldberżanki** z panem **Mojżeszem Rutmanem** życzy by jutrzenka szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**bratanek Natan Goldberg**

---

צו דער פערלאָבונג פון מיין פיל געליבטע טאָכטער
**זלאָטקע ראָזענצווייג**
מיט ה׳ **מרדכי האָך**
ווינש איך א גליקליכען צוזאַמענבונד אין עוויגעס גליק און צופרידענהייט.

די מוטער **חנה ראָזענצווייג.**

---

**זלאָטקע ראָזענצווייג**
**מ ר ד כ י ה אָ ך**
**פ ע ר ל אָ ב ט**

ראַדאָם תשרי תרפ״ז.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען פריינד **מרדכי האָך** מיט פריילין **זלאָטע חיה ראָזענצווייג.** ווינשען מיר א האַרציגען קאָלעגאַלען ווינש, זאָל זייער צוזאַמענבונד געשלאָסען זיין אין א מאָמענט פון גליק און צופרידענהייט.

**יהושיע פרימערמאַן, נחום לאַנדאַן.**

---

## ד א נ ק ז א ג ו נ ג.

איך דריק אויס מיין טיפסטען דאנק און אנערקענונג **די לייטונג פון יודישען שפיטאל** פאר זייער זארגפעלטיגער בעהאנדלונג און ווארימע פעראינטערעסירונג מיט אלע קראנקע. איך האב געהאַט די געלעגענהייט דאס אלעס צו בעאבאכטען בשעת דער קראנקהייט פון מיין שוועסטער, וועלכע איז נישט אויסנאהמס ווייזע בעהאנדעלט געווארען, נאר גלייך אזוי גוט און איבערגעגעבען צוזאמען מיט אלע אנדערע קראנקע. די היגיענישע איינריכטונג אין די ווירטשאפטליכע ארגונג איז אויסגעשטעלט אויף א מוסטער־האפטען אופן, די ערנעהרונג אין פלעגע איז ענטשפרעכענד צו דער היינטיגע א אויסגעצייכענטע. די בעציהונג פון די דאקטוירים צום קראנקן איז א פלייסיגע און איבערגעגעבענע.

איבערהויפט דאנק איך די דאקטוירים **קאָלאָדנער, קעלערוואַרם** ווי אויך דעם עלטסטען פעלדשער פון שפיטאל, ה׳ **מאיר פינקעלשטיין** פאר זייער ווארימער פעראינטערעסירונג און זעלטענער איבערגעגעבענהייט צו מיין קראנקע שוועסטער. אויך דער דאקטאר ה׳ **ל ע ו ו י** פערדינט בעזונדערס בעדאנקט צו ווערען פאר זיין אונערמידליכער ארבייט לטובת דעם שפיטאל־אמבולאַטאָריום.

מיט אַכטונג: **ח י י ם ק אַ ר מ אַ ן**

---


# Pracownia Kapeluszy damskich

**Felicji Żabnerówny**

Radom, ul. Lubelska 25.

**w podwórzu, lewa oficyna 1-a sień**

PRZYJMUJE WSZELKIE OBSTALUNKI W ZAKRES MODNIARSTWA WCHODZĄCYCH

# דער ראדאמער דיכטער ל. מלאך און די אקציע פאר פוילישע יודען אין ארגענטינא

(פון א פריוואטען בריף פון בוענאס-איירעס).

ביי אונז געהט זינט א לענגערע צייט דער קאמפיין פאר די יודיש-וועלטליכע שולען אין פוילען, אבער צום בעדויערען האט ער ביז איצט דעם געהעריגען רעזולטאט נישט געגעבען, צוליב גאר אומגעריכטע און נישט פאראויסגעזעהענע סיבות.

כדאי עס צו דערצעהלען:

נאכדעם ווי דער וועה-געשריי פון פוילישען יודענטום איז דערגאנגען אהער און נאך פילמאליגע אויפפאדערונגען מצד דער יודישער פרעסע מיט אנ'אפעל צום „פויליש יודישען פערבאנד" אלס דער איינציגער, וועלכער דארף עפעס פארנעמען, צו לינדערען אויף וויפיל נישט איז די נויט פון פוילישען יודענטום, — האט דער פערבאנד צונויפגערופען א גרינדונג-פערזאמלונג, איינגעלאדען דעם היגען ליטעראטען-פעראיין, אקטיארען-פעראיין, אלע עקזיסטירענדע פוילישע לאנדמאנשאפטען, קולטורעלע-געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס א. אז. וו.

ס'איז באלד ביי דער ערשטער פערזאמלונג ענטשטאנען א ויכוח וועגען דעם, ווי די אקציע זאל געפיהרט ווערען, ד. ה. אויף וועלכע צוועקען דאס געלד זאל געהן. דער „פויליש-יודישער פערבאנד", ס'רוב פון אלט-געזעסענע דא האט געפאדערט, אז די אקציע זאל געהן אויף פילאנטראפישע צוועקען און הגם זיי האבען זיך פערזארגט מיט גאנצע 5 בענקלעך (דער גאנצער קאמיטעט איז בעשטאנען פון 11 מיטגלידער) איז עס נישט געלונגען דורכצופיהרען. ס'איז מיט א רוב דעות אנגענומען געווארען, אז די אקציע ווערט איינגעטיילט אין צוויי, ד. ח; קאנסטרוקטיווע הילף און הילף פאר די יודיש-וועלטליכע שולען און צוערשט געהט די אקציע פאר די שולען.

די איבערהאנד האט גענומען דער ליטעראטען פעראיין, וועלכער האט בעשטימט זיינעם א מיטגליד, דעם יונגען שריפטשטעלער מלאך, פארן טעכנישען סעקרעטאר און פאקטישען אויפפיהרער פון דער ארבייט.

אבער סיי דאס ערשטע, וואס דער ליטעראטען פעראיין האט גענומען די איבערהאנד, סיי דאס צווייטע, וואס מלאך איז געווארען סעקרעטאר, האבען געבראכט דעם טוידט דער אקציע.

געשעהן איז עס אויף פאלגענדיגען אופן:

אט דעם מלאך האט זיך פערוואלט אנשרייבען א דראמע פון רופיאנישען לעבען (סרויטען-הענדלערס), געהייסען האט זי „איבערגוס". ער האט זי פערענדיגט און געבראכט אין א היגען יודישען טעאטער פאר די אקטיארען דורכצולייענען. כדי נאכדעם צו שטעלען איהר אויף דער ביהנע, נאר שוין ביים דורכלייענען איהר האט דער דירעקטאר פון טעאטער ערקלערט, אז ער וועט די דראמע נישט שטעלען, ווייל זי ריהרט אן דעם כבוד פון זיינע בעזוכערס — די רופיאנעס.

ס'האט זיך אנגעהויבען א סקאנדאל, מלאך, וועלכער איז אויך א מיטארבייטער אין דער היגער „פרעסע", איז ארויס מיט א פראטעסט-ארטיקעל אין דער צייטונג, פערדאמענדיג די האנדלונג פון דירעקטאר, וועלכער האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רופיאנעס, די „יודישע צייטונג" האט זיך געשטעלט אויפן זייט פון טעאטער-דירעקטאר און ס'האט זיך אנגעהויבען א פאלעמיק צווישען ביידע צדדים. טאג-טעגליך זענען אויסגעגאסען געווארען עמערס שמוץ אויף די שפאלטען פון ביידע צייטונגען און ס'איז דערגאנגען צו א יואקכאנאליע.

דער פאקטישער אנפיהרער אין קאמיטעט, האט צוליב דעם פערנאכלעסיגט זיין ארבייט, דער ליטעראטען-פעראיין, דער טאן געבער פון קאמיטעט, האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער „פרעסע", פראטעסטירענדיג געגען דעם טעאטער-דירעקטאר, דער אקטיארען-פעראיין, וועלכער האט געהאט געשטעלט אין רשות פון קאמיטעט זיינע כחות דער פראקלאמירונג - אקט פון קאמפיין, אין וועלכען דער אקטיארען-פעראיין האט אנטייל-גענומען-מיט זיינע בעסטע כחות. האט טאקי ציגעצויגען א גרויסען עולם און געגעבען לפי ערך א גרויסען פראפיט ביי 300 דאלארען, האט אונטער זייער ווירקונג פון דירעקטאר געמוזט איבערייסען מיט'ן ליטעראטען-פעראיין און ממילא מיט'ן קאמיטעט.

אזוי ארום זענען די האפנונגען אין איינארדנען א רייע אונטערנעהמונגען מיט דעם אנטייל פון די אקטיארען אויסגערונען און דער קאמיטעט האט צום בעדויערען געליטען א צוזאמענברוך, ביי א בישטינער סומע פון 1200 פעזעס, וועלכע זענען דורך דער גאנצער צייט געזאמעלט געווארען, האט דער ליטעראטען-פעראיין פארגעלייגט, אז מען זאל דעם קאמיטעט אויפלעזען. ס'איז אבער בעשלאסען געווארען, אז דער צייטווייליגער קאמיטעט לעזט זיך אויף און געהט אריבער אין דער פאזע פון א פערמאנענטען קאמיטעט. מ'האט שוין איינגעארדענט טול-רינגען (וועלכע האבען אפילו געהאט א קנאפען ערפאלג). ס'איז שוין אבער פערביי די צייט, ווען מ'האט געקענט עפעס מעהר אויפטוהן פאר יודישע שולען אין פוילען.

אט אזוי געהט עס דא אין ארגענטינא. איך פערשטעה און פלעג עס בעשיינפערליך זעהן פון די בריף פון דער צ. י. ש. א. אין ווארשא, אז זיי לייגען גרויס האפנונג אויף ארגענטינא, אבער צום בעדויערען אומזיסט. נישט בעשערט געווען, מעשה שטן איז געקומען מלאך מיט זיין „איבערגוס" און ס'איז אלץ אויסגערונען געווארען.

ב. ז—קי.

בוענאס-איירעס.

# א נגיד האט מזל.

דערצעהלט פון מיין זיידען און איבערדערצעהלט פון זיין אייניקעל

ב. קאוונער.

איינמאל איז דעם אלטען באראן ראטשילד אויסגעקומען אין א קליין אידיש שטעדטיל צו האלטען שבת.

דאס גאנצע שטעדטעל האט געקאכט ווי א קעסעל. עפעס א קלייניגקייט: אזא גאסט! אלט און יונג, קליין און גרויס זענען איהם געלאפען אנקוקען.

פרייטאג פארנאכט איז ראטשילד געקומען אין שוהל דאווענען. די שוהל איז געפאקט מיט אידען. עס איז שוין שפעט, און מען דאווענט נאך נישט.

פרעגט ראטשילד ביי א אידען:

— ר' איד, אלעמאי איז מען נישט מקבל שבת?

ענטפערט דער איד:

— דאס ווארטען מיר אויף דעם גביר פון שטעדטעל. אהן איהם שטעלט זיך דער חזן נישט דאווענען.

ראטשילד האט פערביסען מיט די ליפען און געשוויגען.

באלד איז דער גביר פון שטעטעל ר' סענדער, אריין אין שוהל. דער שמש איז ארויף אויס'ן בעלעמער, א פאטש געטאן מיט א ברעטעל אין א לעדערנע קישעלע, און דער חזן איז גלייך ארויף מקבל שבת זיין.

אויף מארגען, צו שחרית, האט זיך ווידער איבערגע'חזר'ט די זעלבע סצענע: מען האט ווידער געווארט אויף דעם גביר, ר' סענדער.

צו קריאת התורה האט מען ראטשילדען מכבד געווען מיט אנ'עליה, ווען דער חזן האט געמאכט דעם „מי שברך" און אויסגערופען: בעבור שנדר — איז געווארען אין שוהל שטיל; אלע האבען געוואלט הערען...

— בעבור שנדר... האט דער חזן אונטערגעבראכט און זיך צוגעבויגען צו ראטשילד'ען — בעבור... בעבור...

— איך בין מנדר — האט ראטשילד געזאגט — אזא סומע, וויפיעל עס בעטרעפט דאס גאנצע פערמעגען פון אייער גביר ר' סענדער.

דער עולם איז ווי געפלעפט געווארען. ראטשילדס ווערטער זענען באלד אריבער פון מויל צו מויל. אפילו די ווייבער האבען נישט געקענט איינרוהען און גענומען רעדען... וואס דאס איז געגען זייער טבע...

עפעס א קלייניגקייט! דאס שטעדטעל וועט דאך נתעשר ווערען פון אזא פערמעגען!

און דער גביר פון שטעדטעל, ר' סענדער, איז זיך בעת מעשה געזעסען ביים שטענדער, זיך געגלעט די לאנגע בארד, כלומר'שט געשמייכעלט: „ווייס

צו פערלאָבונג פון אונזער זוהן און ברודער
מיט פרל"
**מ. ראָזענבערג**
וואונשען מיר פיעל גליק.
**פאַמיליע טאַשמאַ.**
קעלץ.

---

**משה טאַשמאַ מלכה ראָזענבערג**
קעלץ. קעלץ.
**== פערלאָבט ==**
היינטיגען חודש.
קעלץ.

---

א הערציגען ברכת מזל-טוב און עווינגס צופרידענהייט וואונשען מיר אונזער טאָכטער און שוועסטער צוליב איהר פערלאָבונג
מיט ה' **טאַשמאַ**
**פאַמיליע ראָזענבערג.**
קעלץ.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוואָגער און שוועסטער מ. **טאַשמאַ**
מיט פרל"
**מ. ראָזענבערג**
וואונשען מיר א הערציגען ברכת-מזל-טוב און עוויגעס גליק.
**יעקב גאָלדפאַרב, פרוי און קינד.**
קעלץ.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוואגער און שוועסטער פרל" **מלכה ראָזענבערג**
מיט ה' **טאַשמאַ**
וואונשען מיר א הערצליכען ברכת-מזל-טוב גליק און עוויגעס צופרידענהייט.
**פאַמיליע גראס.**
קעלץ.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער און שוויגערין פר"ל **מלכה ראָזענבערג**
מיט ה' **מ. טאַשמאַ**
וואונשען מיר א בליהענדע צוקונפט און עביגע גליק.
**הירשל ראָזענבערג, פרוי און קינדער.**
קעלץ.

---

א הערציגען ברכת מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט וואונשען מיר דער פאַמיליע **טאַשמאַ** צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן מיט פרל"
**מלכה ראָזענבערג**
**חיים שלום ליכטענשטיין**
פרוי און קינדער
קעלץ.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער
**אסתר פלאַמענבוים**
מיט ה' **ישראל קליינער**
וואונשען מיר זיי א הערציגען מזל-טוב און א גליקליכען צוזאַמענבונד.
עלטערען:
**אפרים און פרוי יהודית פלאַמענבוים**

---

*Edzia Flamenbaum* **Radom**
*Izrael Klajner* **Kielce**
**ZARĘCZENI**
2/10 1926 r.

---

צו דער פערלאָבונג פון מיין ליבע שוועסטער **אסתר פלאַמענבוים**
מ-ט ה'
**ישראל קליינער**
ווינש איך א גליקליכע צוקונפט.
**הערשיל פלאַמענבוים** און פרוי.

---

Z intencji zaręczyn kochanej siostry **Edzi Flamenbaum** z p. **Izraelem Klajnerem** życzymy aby gwiazda szczęścia sprzyjała im w przyszłości
**Moniek, Regina, Moszek FLAMENBAUM.**

---

א הערציגען ברכת מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט וואונשען מיר אונזער ליבען חבר
**טאַשמאַ**
צוליב זיין פערלאָבונג מיט פר"ל
**ראָזענבערג.**
**די שיך-סעקציע ביים פראָפ. פעראיין פון די אָנגעשטעלטע בעשעפטיגט אין האַנדעל אין ביורא**
אין קעלץ.

---

מיר דריקען אויס דעם הערציגען דאַנק
דעם מנגן ה' **יצחק פיאסעצקאגוסקי**
פאַר זיין בעעהר'ען אונז מיט זיין אָנגענע-
מען דאַוועגען ביי אונז די אנדערע טעג
סוכות אין בית המדרש „שערי-ציון".
דער גבאי פון בית המדרש שערי-ציון
נחמיה אָסטראָוויץ ווי אויך די מתפללים.

---

# שויבען, שפיגלען און מעטאל

רייניגט אמבעסטען די
ספעציעלע פליסיגקייט
# „JAŚNIEJ SŁOŃCA"
פרובט אין איהר וועט אייך איבערציי'גען!

---

# טעאַטער פאַלסקי

פעראייניגטע טרופע פון יודישן אַרטיסטן
פעראיין אַרט לייטונג ה' **ביאלקאָוויטש**

פיר ען: ביאלקאָוויטש, לובא-פאַיוטקא, מאדזשע, צווילי'ך, צאַהם, קאַליש א. א.
ה"ה: ביאלקאָוויטש ווינער, וויינבערג, ליבערמאַן צוויל ד. צענגאלד א. א.

**פרייטאג דעם 8-טען אָקטאָבער 8,15 אָוונד**
פרעמיערע! צום ערשטען מאָל אין קעלץ! פ' 80 גר. ביז 2.20 גר.
# געצעלע גולם
קאָמישע אָפערעטע אין 3 אקטען.

**שבת דעם 9-טען אָקט. 3,30 נ. מ.**
פון 60 גר. ביז 1,65 גר.
ווערט געשפילט די באליבטע פיעסע מיט געזאַנג און טענץ אין 4 אק.
# וואו זענען מיינע קינדער

**שבת דעם 9-טען אָק. 8.15 אָוו.**
פרעמיערע! צו ערשטען מאָל אין קעלץ! פרעמיערע!
ווערט געשפילט דער אמעריקאַנער שלאַגער אָפערעטקע אין 4 אקטען פון זילבערט
די נשמה פון
# מיין פאָלק

**זונטאג דעם 10-טען אָקטאָבער 8,15 אָוונד נאר 1 מאָל!**
די בעריהמטע טראגעדיע אין 5 אקטען פון קארל גוצקאוו
# אוריאל אקאסטא

בילעטען פריזער צו בעקומען אין צוקערניע פון פרוי גרונדמאַן און אין קאַסע פון טעאַטער.
אין פראַבן: די מאמע פון דער וועלט, פאר אונזער גלויבען, א. אנד. סופלער - ב. ר. א. ס.

---

# יעדע ווירטין דאַרף וויסען,

אז די מאַסטש צו פאדלאָגעס
# „JAŚNIEJ SŁOŃCA"
גיט צו די פאדלאָגעס, פאַסאַדקעס און לינאָלעאום א שעהנעם
און לאַנגדויערהאַפטיגען גלאַנץ, אָהן בענוצען זיך מיט בערשטען!
# Jaśniej Słońca
פערטרעט אייל-פאַרב, פארבט ווייסע פאָדלאָגעס אין פערלויף
פון א שעה איוף די פאַרבען:
מאַהאָגאָניאָווע און טונקעל ארזשעכאָווע
פרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען
פערקויף אין אלע סקלאַד-אַפטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.
Fabryka przetworów techno-chemicznych
**„MARY"** Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419.69

---

**Panu D-rowi LEWINSOHNOWI**
Z powodu śmierci JEGO OJCA
# J A K Ó B A b. p.
wyrazy szczerego współczucia i ubolewania tą drogą
przesyła
**M. Rawicki Kielce.**

---

מיר דריקען אוס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם פרעזעס
פון דער עקזעקוטיווע ה' **ד"ר י. לעווינזאָהן**
צוליב'ן טויט פון זיין **פאָטער**
# יעקב נ. ע.
דער ראַט און עקזעקוטיווע פון
קעלצער ריטונג'ס-קאָמיטעט.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם פרעזעס פון ראַט
ה' ד"ר לעווינזאָהן צוליב'ן טויט פון זיין **פאָטער**
# יעקב נ. ע.
דער ראַט, פערוואַלטונג און פערסאָנאַל
פון דער יודישער סוחרים-באַנק אין קעלץ.

---

דעם ה' דאָקטאָר י. לעווינזאָהן דריקען מיר אויס אונזער
מיטגעפיהל צוליב'ן טויט פון זיין **פאָטער**
# יעקב נ. ע.
אסקאַר סערוועטניק און פרוי.

Redaktor i Wydawca CH. M HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.